בס"ד

# וועד הכשרות

**ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות**

**דהתאחדות הקהילות**

**בחשתתפות הרבנים והקהילות**
**ולומדי תורה דניו יארק**

בפיקוח הרב הגאון
מו"ה הרב ר' **שלו' יודא גראס** שליט"א
אבדק"ק **האלמין** יצ"ו

# קול קורא

## פארוואס שטייען די עשירים אין די רייע צו גיין טשעפטער 11 ???
## קשיות אויף די מיליאנערען

### די ערשטע קשיא איז?

ווי זענט איר געווען ווען דער האלמינער רב שליט"א האט געשריגען און געוויינט צו אייך איר זאלט העלפען ראטעווען די מיליאנען אידען, ער האט צו אייך געשריבען מער ווי הונדערט בריף איר זאלט העלפען ראטעווען די אידען, פאר בלויז איין דאלער האט איר געהאט א מעגליכקייט צו ראטעווען איין איד, און עס האט אייך בכלל נישט פאראינטערעסירט. איר האט גאנץ גוט געוואוסט אז דער האלמינער רב וויל נישט בכלל נהנה זיין פון דעם געלט, ער האט אייך אראפ געלייגט א פלאן ווי אזוי איר קענט אין זענט מחויב צו ראטעווען און עס האט אייך בכלל נישט פאראינטערעסירט, כאילו איר זענט א קאטאליק, און עס קימערט אייך בכלל נישט וואס עס גייען נעבעך אזויפיהל אידען אראפ פון אידישען וועג און איר האט געשוויגען!.

## איז דען א חידוש אז איר שטייט אין די רייע אויף טשעפטער 11 ???

### די צווייטע קשיא איז?

האט איר דען נישט געזעהן אין צייטונג ווי דער האלמינער רב שרייט געוואלד! דאס יעדע וואך האבען חתונה 1000 אידען מיט גויטעס, און השי"ת האט אייך געגעבען דאס געלט צו העלפען ראטעווען די אידען און עס איז אייך בכלל נישט אנגעגאנגען!.

דער האלמינער רב האט אייך געווארנט אז דער אחריות פון ערבות "וכשלו איש באחיו" איש בעון אחיו, דרשינען פון דא די חז"ל אז כל ישראל ערבים זה בזה, אין יעדער איד איז מחויב בערבות אויף די 17 מיליאן אידען, אין לויט טייל ראשונים איז יעדער איד אויך מחויב אויף ערבות דערבות, דאס מיינט אז מיר טראגען דעם אחריות אויף יעדען איד דאס מיינט 17 מיליאן מאל ערבות אין ערבות דערבות מיינט אז

אזוי ווי יעדער איד איז אן ערב אויף 17 מליאן אידען מאל 17 מיליאן דאס קומט אויס 197 מיליאן, און מען טאר נישט פארגעסען אז מען איז אן ערב אויף אלע מצות וואס זענען נוהג בזמן הזה. יעצט רעכענט אויס וואס פאר א מין גהנום ווארט אויף אייך, אויף אלע עבירות וואס יעדער טוט, עס איז גארנישט מעגלעך אויסצורעכענען נאר מיט א קאמפיוטער קאפ. און איר האט זיך נישט גענומען אפילו די מיה זיך צו אינטערעסירען.
אין אויב מען איז מחויב אויף אלע עבירות אזוי ווי דער הייליגער חפץ חיים שרייב אז מען איז מחויב על דמו ועל דם זרעיותיו עד סוף כל הדורות, אזוי ווי מיר זאגען ביים דאווענען "על אבותינו ועלינו על בנינו ועל דורותינו ועל כל דורות. דאס מיינט אויב איינער האט עובר געווען אויף א חילול שבת און דארך דעם איז ער נעבעך אוועק פון די וועלט פאר די צייט, אין די האסט געקענט מוחה זיין, און די האסט נישט מוחה געווען, רעכנט מען אלע דורות וואס וואלטן ארויס געקומען פון דעם איינעם איד, און אלע מצות וואס די אלע וואלטען מקיים געווען, און צוליב דעם וואס די האסט נישט מוחה געווען, אבער געהאלפען מוחה זיין ווערט דאס אלעס גערעכנט אויף דיין חשבון, און לאחר מאה ועשרים וועסטו דארפן אפ געבען דין וחשבון אויף די אלע עבירות, אפילו די לעבסט טאקע א גיטן טאג אויף דער וועלט, אבער וויי איז פאר דעם גיטן טאג, אויב עס ווארט נעבעך לאחר מאה ועשרים אזא ביטערער חשבון.
יעצט לאמיר טראכטען די גמרא זאגט מרובה מדה טובה ממדת פרעניות, קומט אויס אז אויב אויף די עבירות זענען מיר אלע ערבים אויף יעדע עבירה ווי מיר האבען פריער מסביר געווען, איז כל שכן ביי די מצוות ווען א איד איז מזכה אנדערע אידען מיט מצוות, באקומט ער דעם שכר עד סוף כל הדורות, אין נאך דעם אלעם איז אייך נישט ווערט געווען צו מאכען א טלפון אפשר קענט איר עפעס טוהן צו העלפען די אידען און ראטעווען זיך אליין פון די אלע עבירות, און זוכה זיין צו די אלע מצוות.

## איז דען א חידוש וואס איר שטייט אין ראייע אויף טשעפטער 11 ???

## די דריטע קשיא איז?

ווייסט איר דען נישט אז די 1000 אידען וואס האבען חתונה מיט די גויטעס יעדע וואך, 6 אידען האבען חתונה מיט גויטעס יעדע שעה, 24 שעה א טאג, אין די אלע זענען אייערע קינדער און אייניקלעך, און עס קומט אייך א מזל טוב 1000 מאל א וואך. און איר האלט אייך נאך אלס צוריק פון צו ענטפערען.

## איז דען א חידוש וואס איר שטייט אין די רייע אויף טשעפטער 11 ???

## די פערטע קשיא איז?

ווייסט איר דען נישט אז די געלט וואס השי"ת האט אייך געגעבען איז נאר א פקדון ביי אייך, עס איז בכלל נישט אייער געלט, נאר איר האט באקומען דעם זכות צו טוהן דערמיט וואס מער מצוות, און ווען עס האנדלט זיך וועגען פקוח נפש אין איר גייט צו אזוי קאלד בלוטיג, און איר מאכט זיך גארנישט וויסענדיג דערפון.

## איז דען א חידוש וואס איר שטייט אין די ליין אויף טשעפטער 11 ???

**הרב שמואל רובין**

**בעמח"ס עדותן של רבנים ב"ח**